בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | פ' ראה | כ"ג אב | תשע"א | פסחים: פ"ח.

# באריכט:

נעכטן פארמיטאג נאכ'ן באזוכן אין די בית השחיטה המהודרת אין קרית יואל, איז מרן רבינו שליט"א געווען באזוכן אין די מצה בעקריי מען האט דאן צוגעגרייט די מילעכלער ווי מען וועט מאהלן די ווייץ פאר די מצות אויף פסח שנת תשע"ב הבעל"ט.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד אבני צדק בשכונת עצי התמרים. פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' משה ארי' וויזעל הי"ו פון מאנסי ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

## תלמידי מוסדותינו הק' אוועקיאירט בשעת די ערד ציטערניש

היינט מיטאג צייט ווען אין ניו יארק און די אומגעגנט האט זיך געשפירט א ערדציטערניש פאר עטליכע מינוט, האבן די מלמדים און מענדזשער'ס פון בניני מוסדותינו הק' אין ווילאמסבורג און ב"פ אדורכגעפירט א גאהר געניטע ארבעט מיט'ן ארויספירן די קינדער וועלכע האבן דאן געהאלטן אינמיטן לערנען פון די בניני הת"ת.

נאך עטליכע מינוט ווען די ציטערניש האט זיך איינגעשטילט און זעענדיג אז די שרעק איז שוין ב"ה פאריבער זענען די קינדער אין שפיץ פון די מלמדים צוריק אריין צו די בנינים ווי זיי האבן ממשיך געווען מיט'ן לערנען.

*-חסדי ה' כי לא תמנו-*

*לקראת יומא דהילולא קדישא:*

## "אלף המגן" מעמבערשיפ קאמפיין דורך מוסד הק' נטרונא

אין די טעג גייט אהן א העפטיגער קאמפיין דורך דעם הייליגן און בארימטן מוסד "נטרונא" ווי פילע אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר שרייבן זיך איין צו ווערן מעמבער'ס און שטיצן און העלפן אט דעם הייליגן מוסד אנגיין אין די עבודת הקודש און אזוי ארום מקיים זיין משנתו של מרן רביה"ק בעל ההילולא זי"ע.

דער נומער פונעם "אלף המגן" ליניע איז:

718-887-9339

## בארא פארק דרשה היינט

היינט נאכט אום 10 אזייגער וועט - אין די ראמען פון די וועכנטליכע דינסטאג דרשות אין בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק - אויפטרעטען המגיד הנפלא הרב נפתלי שטיין שליט"א מיט א ספעציעלע דרשה אין ענין פון שמחת החיים.

***-שמעו ותחי נפשכם-***

## ניחום אבלים

ביי משפחת הנפטרת האשה החשובה מרת שיינדל ב"ר יונה ע"ה אלמנת הרה"ח ר' מרדכי ראטה ע"ה, זיצט מען שבעה ביז ערש"ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אין איר שטוב אויף 74 ראסס סט. אפט. 1-H

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**